שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**'לא תשכח מפי זרעו'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר י"ז**
חודש אייר שנת תשפ"ג לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור

הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכיות שמורות

מכון דורשי יחודך

מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


אויסנוצן דעם התחדשות ........................................ א

אלץ איבערדרייען אויף התקרבות ................................ א

באזיגט זיבן פארציקנדע חיות... ................................ ג

יעדער איד – א חידוש פאר זיך! ................................ ה

גיי נישט אוועק פון אויבערשטן! ................................ ז

דער אויבערשטער האט זיך נישט גענאַרט ......................... ט

# מאמר י"ז

## 'לא תשכח מפי זרעו'

### אויסנוצן דעם התחדשות

עס ווערט געבראכט פון בעל שם טוב[א], א מענטש וואס טוט זיך אָן א נייעם בגד שפירט נאטורליך א התחדשות[ב], זאל ער אויסנוצן דעם התחדשות אויף זיך צו באנייען אין עבודת ה' און זיך צו באנייען אין התמדה אין תורה.

אז ער האט שוין ממילא א התחדשות, דארף ער עס מנצל זיין לטובה.

### אלץ איבערדרייען אויף התקרבות

עס איז דא א זוהר[ג]: "**לָא גָּלוּ יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצָם עַד שֶׁכָּפְרוּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּבְמַלְכוּתָא דְּבֵית דָּוִד**". זאגט דער בעל שם[ד], וואספארא

---

א. צוואת הריב"ש אות צ"ט: "**כי זה כלל גדול, שכל דבר שאדם לובש או אוכל או משתמש בכלי, הוא נהנה מהחיות שיש באותו דבר**, כי לולא אותו הרוחניות לא היה שום קיום לאותו דבר, ויש שם ניצוצות קדושות השייכים לשורש נשמתו. **ושמעתי כי זה טעם שיש אדם שאוהב דבר זה, ויש אדם שהוא שונא דבר זה ואוהב דבר אחר, וכשהוא משתמש באותו כלי או אוכל מאכלין אפילו לצורך גופו מאותו מלבוש או מאכל או שאר דברים, בזה הכח עובד להשי"ת, נמצא מתוקנים**".

ב. עיין חיי מוהר"ן אות תקכ"ג מה שכתב מוהרנ"ת זצ"ל: "פעם אחת עמדתי לפניו (רביז"ל) כשתיקנו מלבוש שלו, היינו שתפרו תחת מלבושו עורות ארנבת לימי החורף. אמר לי אז, שבכל עת שהאדם לובש מלבוש חדש נאה, נעשה בו שינוי שנשתנה פניו בעת שנשתנה לבישת המלבוש. ואפילו אם יהיה אותו האדם חכם הגדול שבגדולים, ואפילו אם יהיה עשיר מופלג שאין המלבוש חשוב אצלו כל כך, ואפילו

פגם איז דא אין כופר זיין אין מלכות בית דוד? נאר דוד מלך ישראל, וואס עס איז אים אלץ איבערגעאנגען, האט ער געמאכט פון דעם א התקרבות צום אויבערשטן!

אז ער האט געהאט עפעס צער, האט ער געוואוסט 'אין עוד מלבדו', דער אויבערשטער וויל דא עפעס פון אים. אזוי ווי א שעפסעלע וואס פארגייט אביסל ווייטער, גיבט מען איר א קלאפ אדער ווארפט מען איר א שטיין עס זאל גיין צוריק, אזוי איז ער גלייך געלאפן צום אויבערשטן[ה]. און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן ביז דעם **"מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי"**[ו].

---

מלך, אף על פי כן **בכל עת שלובש מלבוש חדש בהכרח שיהיה בו שינוי, שנשתנה פניו ונעשה בו שינויים בתנועותיו על ידי זה"**.

ג. תרומה דף קעה ע"ב.

ד. דגל מחנה אפרים פר' ואתחנן: "והנה שורש מלכות בית דוד הוא כי דוד הוא שורש מלכות כביכול אשר בכל משלה ובלעדו (בראשית מ"א, מ"ד) לא ירים איש את ידו ואת רגלו בכל דבר קטן וגדול **כדאיתא בשם אא"ז זללה"ה על דרוש חז"ל** (זוהר ח"ב קע"ה:) **לא גלו ישראל עד שכפרו בה' ובמלכות בית דוד ולא יגאל אותם עד שיחזרו לה' ולדוד מלכם** על דרך הפסוק (שמואל - ב כ', א') אין לנו חלק בדוד וגו' איש לאהליו ואיתא אל תקרא לאהליו אלא לאלוהיו ובעת הגאולה נאמר (הושע ג', ה') ובקשו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם, **וביאר הוא ז"ל כי ענין מלכות בית דוד הוא כל דבר קטן וגדול שאדם עושה אפילו השטת יד לכיסו ליקח ממנו שני פרוטות ולא עלה בידו אלא אחת נקרא מלכות בית דוד פירוש להבין שהוא מלכות אשר בכל משלה ומעורר אותו על ידי יסורים אלו לשוב לבוראו ברוך הוא** כמאמרם ז"ל (ערכין ט"ז:) היכי דמי יסורים וכו' **ודברי פי חכם חן**". עיין עוד בספר בעש"ט על התורה פר' לך עה"פ 'ויאמינו בה" וכו', וב'מקור מים חיים' שם.

ה. עיין ליקוטי מוהר"ן במאמר **"תעיתי כשה אבד"** וכו' – סי' ר"ו, מה שמבאר בתפילת דוד המלך ע"ה: 'כי יש חילוק גדול בעבירה שעושה האדם ח"ו, בין אם נתעורר תיכף ומיד ושב בתשובה, אזי אפשר לו בקל לחזור למקומו, כי עדיין לא נתרחק הרבה מהדרך הטוב' וכו'.

ו. תהלים קטז, יב.

ווען מען גייט ווען אויף דעם דרך וואלט געקענט גאר זיין אז מען זאל נישט קומען צו קיין גלות, **ווייל אז מען מאכט ווען פון יעדער זאך, התקרבות, וואלט מען דאך נישט געקומען דערצו אז מען זאל האבן אזא עונש פון גלות.**

**באזיגט זיבן פארציקנדע חיות...**

מען זעהט[ז], בשעת דוד האט געוואלט הרג'ענען דעם גָלית הפלשתי, האט שאול אים געפרעגט, 'דו ווערסט זיך קענען שלאגן מיט אים? - ער איז דאך א גיבור ואיש מלחמה מנעוריו!' האט ער אים געזאגט, עס איז געווען א מעשה בשעת איך האב געפאשעט די שאף פון מיין טאטן, **"גַּם אֶת הָאֲרִי גַּם הַדּוֹב הִכָּה עַבְדֶּךָ וְהָיָה הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כְּאַחַד מֵהֶם"**.

וואספארא מעשה איז דאס געווען? ער האט געפאשעט זיין טאטנ'ס שאף, איז געקומען א לייב מיט א דוב. די גמרא דרשנ'ט[ח], עס איז געווען אַן ארי ושני גוריו (- קינדער) און א דוב מיט שלשה גוריו. דאס הייסט, ער האט זיך געשלאגן מיט זיבן בעלי חיים טורפים... שטייט דארטן: **"וְנָשָׂא שֶׂה מֵהָעֵדֶר"**, דאס הייסט, זיי האבן צוגעכאפט א שעפעלע, איז ער צוגעגאנגען און האט אלעמען גע'הרג'עט און ער האט ארויסגעשלעפט דאס שעפעלע - ער האט געראטעוועט דעם שעפעלע.

---

**ז.** שמואל-א יז: "וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל דָּוִד לֹא תוּכַל לָלֶכֶת אֶל הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה לְהִלָּחֵם עִמּוֹ כִּי נַעַר אַתָּה **וְהוּא אִישׁ מִלְחָמָה מִנְּעֻרָיו**. וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל שָׁאוּל רֹעֶה הָיָה עַבְדְּךָ לְאָבִיו בַּצֹּאן **וּבָא הָאֲרִי וְאֶת הַדּוֹב וְנָשָׂא שֶׂה מֵהָעֵדֶר**. וְיָצָאתִי אַחֲרָיו וְהִכִּתִיו וְהִצַּלְתִּי מִפִּיו וַיָּקָם עָלַי וְהֶחֱזַקְתִּי בִּזְקָנוֹ וְהִכִּתִיו וַהֲמִיתִּיו. **גַּם אֶת הָאֲרִי גַּם הַדּוֹב הִכָּה עַבְדֶּךָ וְהָיָה הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כְּאַחַד מֵהֶם** כִּי חֵרֵף מַעַרְכֹת אֱלֹקִים חַיִּים. וַיֹּאמֶר דָּוִד ה' אֲשֶׁר הִצִּלַנִי מִיַּד הָאֲרִי וּמִיַּד הַדֹּב הוּא יַצִּילֵנִי מִיַּד הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה. וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל דָּוִד לֵךְ וַה' יִהְיֶה עִמָּךְ".

**ח.** עיין רש"י שמואל-א' יז, לו.

איז דא דארטן א 'קרי' מיט א 'כתיב'; 'ונשא **שה** מהעדר' - א כתיב. און א קרי - 'ונשא **זה** מהעדר'. שטייט פון ווילנער גאון[ט], וואס איז די כוונה פון 'ונשא **זה** מהעדר' / 'ונשא **שה** מהעדר'? נאר דוד איז דאך געווען א פאסטוך, קומט אויס, אז עס קומט א בעל חי און נעמט צו א שעפעלע, איז דאך דאס אויף זיין אחריות, ער דארף דאך זיי אכטונג געבן, האט ער באקומען אזא מין אומץ זיך צו שלאגן מיט דעם דוב און מיט דעם ארי און זיינע גורים, ארויסצוכאפן דעם שעפעלע.

נאכ'ן פראוועןן די גבורה, קלערט ער, פארוואס האט אים דער אויבערשטער געמאכט אזא מעשה אז ער זאל ווערן אנגעצינדן און זיך גיין שלאגן מיט בעלי חיים און ארויסראטעווען דעם שעפסל? דער אויבערשטער וויל דאך עפעס פון אים - דער אויבערשטער וויל אז די גבורה זאל איך געבן פאר אים - עס איז בלי ספק, **עס מוז עפעס פון דעם ווערן עבודת ה'**. עס איז קיין ספק נישט אז דער אויבערשטער וויל נישט אז איך זאל זיך האלטן גרויס אז איך בין א גיבור און אז איך בין א גוטער פאסטוך, נאר דער אויבערשטער וויל - 'חילך לאורייתא', גיב עס פאר השם יתברך[י].

---

**ט.** ספר אדרת אליהו על שמואל-א' ב, י: "ויאמר דוד אל שאול רועה היה עבדך לאביו בצאן ובא הארי ואת הדוב ונשא שה מהעדר ויצאתי אחריו והכיתיו וגו'. והנה הכתיב הוא "שה" מהעדר, והקרי הוא "זה" מהעדר, הלא דבר הוא. ויש לבאר על פי מה דאיתא במדרש כיון שראה דוד שנעשה לו נס בהשה הזאת שחט אותה והפשיט את עורה ועשה לו בגד מהעור והיה לבוש בה תמיד כדי שיזכור הנס תמיד. והשתא אתי שפיר, דהכתיב הוא "שה" שסיפר לשאול ונשא שה מהעדר כפי האמת, והקרי הוא "זה" לרמז שהראה דוד לשאול הבגד שהיה לבוש בו מהעור של השה ההוא שהצילו מפי הארי".

**י.** עיין בספר דרך כוכב (תורה א' שיעור ב') מה שמוסיף מורינו שליט"א על זה: אמנם מכיון שידוע הכלל שאין בעל הנס מכיר בנסו (נדה ל"א ע"א) – כי כאשר מתרחש נס לאדם, מיד בא הבעל-דבר ומהפך אותו על ידי "להט -החרב-המתהפכת" ומלבישו בדרך הטבע – חשש דוד בענוותנותו שעלול הוא גם כן לשכוח ח"ו את נסי ה' הגדולים שעשה עמו, לכן לקח את השה אשר הציל והקריבו קרבן להשי"ת ומעורו

דערפאר, בשעת ווען עס זענען געשטאנען די אידן אנטקעגן די גוים און דער גלַית הפלשתי איז אריינגעאנגען ביניהם און האט מחרף געווען מערכות אלקים חיים - - עס שטייט דאך[יא], ער האט זיך געטשעפעט מיט די אידן דוקא בזמן קריאת שמע כדי די אידן זאלן נישט ליינען קריאת שמע ווייל מען איז טרוד - בכל עת ורגע קען אויספלאצן דער מלחמה. האט דוד, ווי נאר ער האט געזעהן די מעשה, געוואוסט, אז דער אויבערשטער וויל אז ער זאל פראווען די זעלבע גבורה אזוי ווי ער האט געפראוועט ביי די שאף.

אט דאס איז דער פשט: 'ונשא זה מהעדר'. וויבאלד אט דער שה האט ער גע'שחט'ן און געמאכט דערפון א מלבוש, און ער האט זיך דאס אנגעטוהן כדי ער זאל געדענקען כסדר דער מעשה. האט ער געזאגט: 'ונשא **שה** מהעדר' / 'ונשא **זה** מהעדר' - אט דאס איז דער מלבוש. דערנאך האט ער טאקע געפראוועט די גבורה, ער האט גע'הרג'עט דעם גלַית הפלשתי און עס איז געווארן א געוואלדיגער קידוש ה'.

## יעדער איד – א חידוש פאר זיך!

טאקע אין תהלים איז דאך דא אזעלכע ביטוים וואס מען האלט זיך ביי השם יתברך מיט אלע סארטן מצבים!

אלע סארטן מצבים!

**ווי ביטער עס זאל נאר זיין ברוחניות ובגשמיות, שרייט מען צום אויבערשטן, מען מאכט דערפון 'התקרבות'!**

---

עשה 'אזור' (חגורה) וחגרה במתניו כדי שכל אימת שיביט על האסור – האזור יזכיר לו: "זכור ואל תשכח להודות לה' על הנס הגדול שעשה עמך, לא לחנם עשה זאת השי"ת על ידך", דוד הסתכל בשכל שבדבר והתקשר אליו, ועי"ז העלה אותה להשי"ת – זו היא הסתכלות נכונה.

**יא.** סוטה מב ע"ב.

וואס עס איז אלץ איבערגעגאנגען אויף דוד'ן – - - וואס איז נישט איבערגעגאנגען אויף אים?! מען האט דאך אים געוואלט כסדר הרג'ענען, מען האט דאך אים גע'רודפ'ט, מען האט געהאלטן אז ער איז א ממזר - ער איז פסול לבוא בקהל! - און פון אלץ האט ער געמאכט 'התקרבות'. איז דוקא דורך די מעברים וואס אויף אים איז דורכגעגאנגען און ער איז געלאפן אלץ צום אויבערשטן, איז ער צוגעקומען צו דער דרגא פון 'דוד מלך ישראל חי וקים'[יב].

אט דאס איז (שייך) ביי יעדער מענטש - פון אלצדינג דארף מען מאכן התקרבות!

עס איז **'אין עוד מלבדו'!**

ווען עס גייט אויף א מענטשן עפעס א צער, דארף ער וויסן, דער אויבערשטער גיט אים א דריק אז ער זאל לויפן צו אים!

**לויף צום אויבערשטן!**

און אז עס איז גוט, (דארף ער דאנקען) **"מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי"!**

ביי אלעס וואס עס גייט איבער אויף א מענטשן - אז ער פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל און ער איז עס מקבל באהבה און ער

---

**יב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג, אות כ"ו, וז"ל שם: "**ועל כן איתא באמת שדוד היה בסכנה גדולה כל ימיו**, כמו שכתוב: "לולא ה' עזרתה לי כמעט שכנה דומה נפשי". וכמו שכתוב (שמואל א' כ), "כפשע ביני ובין המות". **כי דוד לא היה לו חיים כלל**, כי היה מסטרא דנוקבא ששם אחיזת היגון ואנחה, בחינת סטרא דמותא. **והוא בתוקף כחו זכה להפוך הכל מהיפך אל היפך**, כי הפך ממות לחיים, מיגון ואנחה לשמחה ... **וכל זה על ידי נעימת זמירותיו על ידי ריבוי התפילות ותחינות ובקשות שזכה לצעוק תמיד אל ה' בכל מיני קולות ולשונות של צעקה ותפלה ותחנונים ושירות ותשבחות, שזהו כל ספר תהלים**, שזהו בחינת עשרה מיני נגינה כנ"ל, ועל ידי זה הפך יגון ואנחה לשמחה, מות לחיים, **עד שזכה להיות נכלל בחיים לעולם**, כמו שכתוב, "תודיעני אורח חיים שובע שמחות את פניך", בחינת **דוד מלך ישראל חי וקים** וכנ"ל".

לויפט צום אויבערשטן - קומט ער צו צו זיין מדריגה וואס ער דארף דא צוקומען!

יעדער איינער איז א חידוש אין דער וועלט אין השגות אלקות און התקרבות אלקות[יג]; דאס התקרבות וואס דער איד קען מאכן, קען דער אנדערער נישט מאכן![יד] קומט אויס, וואס עס גייט איבער אויף א מענטשן, איז השגחה פרטית, דארף מען פון אלעס מאכן התקרבות צו השם יתברך!

## גיי נישט אוועק פון אויבערשטן!

איך האב עס צוגעשטעלט, אט דאס זעהט מען טאקע ביי רבי שמעון'ען. רבי שמעון האט געזאגט צו די תלמידים[טו]: "**אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא**" - אונזער זאך איז אחדות, אונזער זאך איז שמחה.

---

יג. עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות א': "**כי יש בכל אחד ואחד מישראל התפארות בפרטיות, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות, ואפלו בפחות שבישראל, אפלו פושעי ישראל, כל זמן ששם ישראל נקרא עליו, כי נקרא פושעי ישראל, יש בו התפארות פרטי, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות**". גם עיין ליקוטי הלכות הל' גטין ה"ג, אות ט"ו, וזל"ש: "**כל אחד מישראל הוא בחינת שכל פרטי וידיעה פרטית, בחינת עצה חדשה איך להכיר אותו יתברך**. כי אין שני בני אדם שוין כידוע וכן אין שני דורות שוין, **ומעולם מיום ברא אלקים אדם על הארץ עד הסוף עדיין לא היו ולא יהיו שני בני אדם שוין אפילו בשני דורות**, כי אפילו מי שמגולגל מנשמת חבירו גם כן אינו שוה לחבירו, **כמו ששמעתי מפי רביז"ל כי אין הקדוש ברוך הוא עושה שני פעמים דבר אחד**, ועל כן לעולם אינו נתגלגל בחבירו כל חלקי נשמת הראשון ממש, רק נשמת זה בצירוף נפש אחרת ממקום אחר או רוח זה עם נפש זה וכיוצא בזה. נמצא, שהוא ענין אחר מן הראשון, **ועל כן כל נשמה מישראל שבאה בזה העולם הוא בחינת שכל חדש ועצה חדשה להשיג ולהכיר אותו יתברך**".

יד. עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ד': "**כי יש בכל אחד מישראל דבר יקר שהוא בחינת נקודה מה שאין בחבירו. כמעשה דאביי ואבא אומנא** (תענית כ"א:)**, שהשיבו לו, 'לא מצית למעבד כעובדא דאבא אומנא' וכו'**".

טו. זוהר הק' נשא דף קכח ע"א.

אבער רבי שמעון (זעלבסט) איז געווען 'דין', נאר ער איז איבערגעגאנגען אין 'חסד' - אזוי זאגט דער אר"י הקדוש[טז].

דערפאר האט רבי שמעון געזאגט[יז]: **"כָּל יוֹמִין"** - מיינע אלע יארן, **"בְּחַד קְטִירָא אִתְקְטַרְנָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא"** – האב איך זיך פארבינדן מיטן אויבערשטן מיט איין קשר!

אט די הארה האט ער אריינגעשיינט אין כלל ישראל - און ער שיינט עס 'עד היום', מען זאל נישט אוועקגיין פון אויבערשטן 'יהיה מה שיהיה'!

**נישט אוועקגיין פון השם יתברך!**

**ביי די גרעסטע חלישות הדעת ברוחניות ובגשמיות – נישט אפלאזן השם יתברך!**[יח]

---

**טז.** פרי עץ חיים שער ספירת העומר פ"ז. (ובדרך אגב עיין גם בעבודת ישראל פר' בהר, וז"ל: "כי ידוע ענין הכ"ד אלף תלמידים של רבי עקיבא היה על שלא נהגו כבוד זה בזה.. ובודאי רשב"י וחביריו היו מעלים אותם החבירים ותיקנו אותם, כמ"ש **אנן בחביבותא תליא**, והחיו אותם מירידתם ע"י אות ט' שהוא אות טו"ב וחיים. **והגם שכתב האריז"ל שרשב"י וחביריו היו מגבורות דגדלות** (פרע"ח ספיה"ע פ"ז), **כן הוא, כי האהבה צריכה להיות בהתחזקות גדול שלא יוכל שום קטרוג לבטלה**, כמ"ש (שמות טו, ו) ימינך ה' נאדרי בכח. ונמתקים הדינים בל"ג בעומר על ידי השם כד"ט הנ"ל העולה ג"ל עיני וגו' כנ"ל. **וכן אמר הרב הצדיק מו"ה לוי יצחק נ"י** שבל"ג בעומר הוא גמר הספירה יום ה' בשבוע ה', ואילו הבירורים נעשים על ידי בני ישראל השוחרים ומבקשים ניצוצות הק' מהשחרות" וכו').

**יז.** אדרא זוטא דף רפח ע"א.

**יח.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רל"ט) וז"ל מורינו שליט"א: אנו רואים שמאז שהוקם המשכן ופרקו וחזר ופרקו וכו', ומובא שהיה יום אחד שהוקם המשכן ארבע פעמים, **ועם כל זה המשיך משה רבינו את כח המשכן בכל אחד מישראל על כל ימי הגלות לעסוק בתיקוני סוכת דוד, ולא להתחשב עם כל ההפרעות והמקטרגים, אלא כל הפעולות טובות סלקינן ואפינן ובשלינן.**

ומעשה דרבי עקיבא יוכיח, שהקים כ"ד אלף תלמידים, שעלו לו בימים ושנים רבים, וכולם נסתלקו, והיה העולם שמם, כמובא בגמרא (יבמות ס"ב) עד שבא בערוב ימיו

מען האט היינט ארומגערעדט פון א געוויסער שם וואס שיינט אין ל"ג בעומר וואס דאס האט זיך איבערגעדרייט פון דין לרחמים, וואס אט דער שם איז בגמטריא ע"ד. דער אר"י הקדוש זאגט [יט], דאס איז (מרומז בפסוק:) **"בִּטְחוּ בַה' עֲדֵי עַ"ד!"**[כ].

## דער אויבערשטער האט זיך נישט גענאַרט

רבי שמעון האט אריינגעשיינט א הארה אין דער וועלט, **"רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הִבְטִיחַ שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ"**[כא]; **וואס**

---

לדרום, ושנה פרקו לחמשה תלמידים, והם: רבי מאיר, רבי יהודה, רבי יוסי, רבי שמעון בר יוחאי, ורבי אלעזר בן שמוע, והם חזרו והעמידו תורה בישראל והאירו את כל העולם.

**ויש בזה מוסר השכל נורא, שאחר שהיתה לו ישיבה של כ"ד אלף תלמידים, ואחר נפילה גדולה כזאת, התחיל ללמוד עם כיתה אחת קטנה של חמשה תלמידים בלבד, ובוודאי שכל היגיעות לא היו לריק, וכולם נתתקנו ע"י החמשה תלמידים הללו, והם חזרו והאירו את העולם עד סוף כל הדורות.**

**יט.** פרי עץ חיים שם.

**כ.** ישעי' כו, ד.

**כא.** עיין ריש ספר ליקוטי מוהר"ן: "לכו חזו מפעלות ה' **התגלות נפלא מסוד גדולת התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי** ז"ל. **רבי שמעון בן יוחאי הבטיח שלא תשתכח תורה מישראל על ידו.** כמובא בדרז"ל (שבת קלח:): 'כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו, עתידה תורה שתשתכח מישראל, **ואמר רבי שמעון בן יוחאי, שלא תשתכח, שנאמר: "כי לא תשכח מפי זרעו"**. וכמבואר בזוהר (נשא קכד:): 'בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר יפקון ביה מן גלותא'. **ועתה בוא וראה והבן נפלאות נסתרות של תורתנו הקדושה**, כי על כן סמך רבי שמעון בן יוחאי עצמו על זה הפסוק 'כי לא תשכח מפי זרעו', כי באמת בזה הפסוק בעצמו מרומז ונסתר סוד הזה, שעל ידי זרעו של יוחאי, שהוא רבי שמעון בן יוחאי, על ידו לא תשתכח התורה מישראל. כי סופי תיבות של זה הפסוק כי **לא** תשכח מפי זרעו הם אותיות יוחאי. וזה שמרמז ומגלה הפסוק 'כי לא תשכח מפי זרעו' - 'מפי זרעו' דייקא, היינו מפי זרעו של זה בעצמו שהוא מרומז ונסתר בזה הפסוק, שהוא התנא 'יוחאי', **כי על ידי זרעו של יוחאי שמרומז בזה הפסוק בסופי תיבות כנ"ל, שהוא רבי שמעון בן יוחאי, על ידו לא תשכח התורה**, כי בזוהר דא יפקון מן גלותא כנ"ל' וכו' עיי"ש.

**עס וועט זיך איבערקאָכן, וואס עס וועט זיך איבערקאָכן, וועט בלייבן אידן!**

ברוך ה', עס איז שוין דריי טויזנט יאר נאך קבלת התורה - און מען לערנט, מען דרוקט ספרים, מען דאווענט, אידן רייסן זיך צו השם יתברך!

**דער אויבערשטער האט זיך ממש גערנישט גענארט מיט אונז!**

דאס איז אבער בכח די צדיקים וואס זיי האבן אריינגעשיינט דער זאך - עס זאל זיין די עקשנות דקדושה, מען זאל זיך כסדר האלטן ביי השם יתברך און נישט פאלן![כב]

בפרט בזמן הזה וואס עס גייט איבער אויף יעדן איינעם אזעלכע סארטן ענינים, אזעלכע סארטן מיני יאוש, אזעלכע סארטן מיני עגמת נפש - ווערט ביי יעדע זאך א בחירה; דער בעל דבר קען עס אויספירן און אויסדרייען מען זאל מאכן פון דעם א ריחוק פון השם יתברך; אבער די עצות פון די צדיקים איז, מען זאל מאכן פון דעם א התקרבות צו השם יתברך[כג].

---

**כב.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד', מכתב רל"ג) וז"ל מורינו שליט"א: כל דבר שעושים למען שמו יתברך, כל שבירת תאווה וכל התחזקות בתפילה ובתורה ובקדושה, באיזה בחינה שהיא, בתוך החושך והגלות, זה בחינת שהדליק לפניו נר חנוכה והמשיך אליו אורו ית"ש במקום שהוא, ואז מקומו הוא בחינת מקדש מעט היכן שהוא רק נמצא. כי האמת היא שלא היה באפשרי להשאר אחוז בהשי"ת ובתורתו הק' כי אם על ידי סוד החנוכה שהמשיך משה רבינו ע"ה על ימי הגלות בעת חורבן בית המקדש. **וכמו שקיום כלל עם ישראל עד היום היא על ידי העקשנות וההתחזקות וההתגברות בכל הכוחות בתוך תוקף ההסתרה והחושך עד קצה האחרון כידוע, כמו כן כל תקוות נצחיותו של כל יחיד ויחיד הוא באופן כזה ממש.**

**כג.** עיין ליקוטי הלכות גביית חוב מיתומים ה"ג, י"ט: "**וזה בחינת ל"ג בעומר**, כי רבי שמעון בן יוחאי הבטיח כי לא תשכח מפי זרעו שהתורה לא תשתכח מפי ישראל על ידו ... **כי לולא זכות הצדיק אמת לא היה לנו כח אפילו לחפש ולבקש כלל**, וח"ו היו נטבעין ח"ו, ולא היה תקומה ח"ו להנופלים ונתרחקו מן הקדושה, **ובפרט עכשיו שיש בני אדם שנפלו מאד לחטאים ועבירות גמורות רח"ל, ומהיכן היו**

עס איז ל"ג בעומר - א טאג וואס רבי שמעון שיינט אין אלע עולמות! רבי שמעון איז דאך נאנט צו אלעמען! **מען קען אלעס פועל'ן!**

אפילו דער שינוי מקום וואס מען מאכט - אַוואו מען געפונט זיך, א שינוי מקום מאכט דאך אויך א שינוי אין א מענטשן, דארף מען אויסנוצן דעם שינוי זיך צו באנייען אין עבודת השם יתברך!

נו, דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל פועלן ביי רבי שמעון בר יחאי "צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב" – אלע זאלן געהאלפן ווערן, אלע זאלן מקורב ווערן צו השם יתברך, עס זאל נמתק ווערן אלע דינים פון אונז און פון גאנץ כלל ישראל, מען זאל פועל'ן און ממשיך זיין בזכות רבי שמעון בר יוחאי אלע מיני ישועות ברוחניות ובגשמיות!

---

**מקבלין חיות וכח להתעורר עוד לבקש ולחפש כבודו יתברך ולשוב אליו? בודאי ח"ו היה אובד תקותם חלילה. אך באמת על ידי כח הצדיקי אמת, רבי שמעון בן יוחאי וחבריו**, שזכו לבחינת איה, **על ידי זה יש כח לכל הנופלים אפילו למקומות המטונפים שיחפשו איה וכו' עד שיעלו בתכלית העליה** לבחינת איה, מאחר שכבר היו צדיקים אמיתיים שזכו לבחינת איה, שהוא סתרי תורה כנ"ל. וזה בחינת **'וענתה השירה הזאת לפניו לעד כי לא תשכח מפי זרעו'**. כי עיקר השירה הוא שמודיע לישראל שבאחרית הימים יהיו רחוקים מהשי"ת מאד, כמו שכתוב שם, **'כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב'**. ואז נאמר, **'אי אלהימו'** וכו', זה בחינת איה שמחפשין ומבקשין איה ה' יתברך, ועל ידי זה 'לא תשכח מפי זרעו', כי על ידי זה זוכין למצאו יתברך כנ"ל".

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרבי"ץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# מפרסמין עושי מצוה

כבוד הני נדיבי לב, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק בהוצאות המרובים
ה"ה

**הרב ישראל משה לעפלער** שליט"א

לעי"נ התנא האלקי **רבי שמעון בר יוחאי** זי"ע

ולעי"נ הרה"ק **רבי ישעי' ב"ר משה** זי"ע

מוה"ר ר' **דוב בראווער** הי"ו

לזכות מוה"ר **אהרן בן עטל גאלדא** הי"ו
**וכל משפחתו**

לעי"נ הרה"ח ר' **יצחק ב"ר ישראל** (גוטמאן) ע"ה
נפטר ביום ט"ז אייר

לעי"נ האשה החשובה **פערל ב"ר אהרן דוב** ע"ה
נפטרה ביום ו' אייר

לעי"נ הרה"ח ר' **ישראל דוב ב"ר אייזיק שלמה** ע"ה

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא דבזכות מצוה רבה כזו ליטול חלק בהרבצת תורה ויהדות בכלל ישראל, יתברכו משמי מעל עם כל הברכות האמורות בתורה, בבריות גופא ונהורא מעליא,
וכטו"ס

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד האי גברא רבא ויקירא, איש ישר וטוב לב, ותיק ועושה חסד

## מוה"ר **ליפא ליכטענשטיין** הי"ו

לרגל שמחת ארוסי בנו הבה"ח **אברהם ברוך בענדיט** נ"ו
למז"ט בשעטו"מ
עב"ג
בת מוה"ר **שלום יוסף זילבערשטיין** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שמשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, והזווג יעלה יפה יפה, ויזכו לבנות במהרה בנין עדי עד, ולראות דורות ישרים ומבורכים, וכטו"ס אמן

# יאמץ לבך

היינט; אין אזא מין הסתר פנים, אין אזא מין העלמה. און עס איז דא אידן, **דאס איז דאך א שמחה שאין כמוהו!**

די אלע וואס זענען היינט אידן, אביסל שמירת הברית, אביסל אמונה הקדושה, אביסל תורה הקדושה, **דאס איז דאך 'שותפים להקב"ה במעשה בראשית' ממש!**

**מיט אונז וועט דאך דער אויבערשטער אויספירן וואס ער דארף אויספירן מיט זיין בריאה, וואס "עין לא ראתה אלקים זולתך"!!**

(מתוך דברות קודש ל"ג בעומר שנת תש"ס לפ"ק)



בס"ד
א פרישע חידוש!
געשמאק צו
זיין א איד!
א קלארקייט,
א זיסקייט,
אין 'מיין' אידישקייט!
ספר
דורשי יהודך
אידיש
וואו ארעמע ליכטיגע ריינע פשוטע
דיבורים בעניני יסודי היהדות
מאת הגה"צ
רבי יעקב מאיר שעכטער
שליט"א
דער דבר ה' פאר אונזער דור,
געאייגנט פאר יעדן איינציגסטן
איד בכל מצב
אויף דער אידישער שפראך – מלשונו הזהב
לויפט און קויפט דעם הערליכן שפאגל נייעם ספר
דורשי יהודך
"יסודי היהדות"
קחו ברכה אל תוך בתיכם!
פאר האלסעיל רופט:
347.292.1014